# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## זכות אבות יגן עליכם - בעת שמחת צאצאיכם

בשעת א שמחה אין אייער משפחה בשעטו"מ
**געדענקט** דעם מוסד וואס **געדענקט** אייערע אבות!
האט א חלק אין די אלע זכותים און העלפט ארויס אז דער מוסד
זאל בע"ה ווייטער אנגיין ביתר שאת ויתר עז,
און גלייכצייטיג ווערט איר א שותף אין די עבוה"ק.

Avoyseinu/Zechus Uvos – 616 Bedford Av. Apt. 2-B Brooklyn NY 11249

...**אבל חסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו** פי' מעה"ז עד נכנסו לעולם האחר בקבר לשומרי בריתו לדקתו לבני בנים **שידעו מקום אבות, לכבד מקום קברות אבותם.** (דרשות חת"ס)

## פרעשאוו, סלאוואקיי

**בס"ד איז פארענדיגט געווארן די מעכטיגע גדר ביי די אונטערשטע חלק הביה"ח. בוי-ארבעט ביי די אויבערשטע חלק איז אין פולן שוואנג**

גדר אינעווייניג אין ביה"ח →



Presov, Slovakia



Presov, Slovakia

← אינדרויסן פון ביה"ח, בשעת'ן פארענדיגן

בילד פון די הייער →



Presov, Slovakia




← פראכטפולע גדר ווערט צעמענטירט פון ביידע זייטן

## משמרת ביה"ח

דוגמאות פון בתי חיים וועלכע זענען אונטער די אויפזיכט פון משמרת בתי חיים שע"י אבותינו.
**פאלגט נאך אין די פאסט וויכטיגע מעלדונגען וועגן די "סדר ההסכם" אויף די קומענדיגע יארן בעזהשי"ת.**



**עגבעל, סלאוואקיי**
Gbely, Slovakia – October 29, 2013



**קליינווארדיין, אונגארן**
Kisvarda, Hungary – October 14, 2013



**אוהעל חדש, אונגארן**
Satoraljaujhely- November 5, '13



**קעשעליע, אוקריינא**
Koseleve, Ukraine –May 28, 2013

אזוי ווי דאס יאר איז געווען שווערקייטן ביי געוויסע בתי חיים אין אוקריינא, ווי דער "אויפזעהער" איז נישט אנגעקומען צו באזיכן און צוליב דעם האבן געוויסע caretakers נישט געטון זייער ארבעט בשלימות, דעריבער וועט געגעבן ווערן א קרעדיט פאר די בתי חיים ווי די גראז איז נישט געשניטן געווארן.

## אם יהי' אלקים עמדי ושמרני בדרך זה אשר אנכי הולך... ושבתי בשלו' אל בית אבי

## בילקאמין - קאלמייע (ישן נושן) - לעגעשבעניע

• נאך פילע אינטערווענץ און שתדלנות וואס ווערט אונטערגענומען גייענדיג באורך הדרך ובדרכי שלום ווערט ב"ה באוויזן שטארקע פארשריט, מיר האפן בעז"ה אין די נאנטע צוקונפט צו ברענגען גאר גינסטיגע בשורות לטובת הצלת הבתי חיים.

•מיר באדאנקען פאר די ראשי הוועד פאר זייער פולע פארשטענדעניש און קאפעראציע צו שעצן די לאנגער וועג פון איסערגעוועהנליכע שתדלנות און כוחות און מסינ"פ פון די עסקני אבותינו [בדרך אגב ציט דאס אריין אין גרויסע קאסטן וואס ווערט נישט געדעקט דורך די בני המשפחה הי"ו].



**ביה"ח אין בילקאמין**
מיט פילע אינטערווענצן ווערן חלקים פון די גדר צוביסלעך געבויעט נאך די צושטימונג פון די שכנים.

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha

לע"נ דבורה
רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה